עֶר וֶועט אוּנְז יָאגֶען
מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶען הַאס
אוּנ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ'ן
חָלִילָה וְחַס!"

---

דֶער יִמַח-שְׁמוּנִיק
הָאט דָאס דֶערְהֶערְט,
אִיז אִיהְם דִי שִׂמְחָה
גֶעוָוארֶען גֶעשְׁטֶעהְרְט.
עֶר לִיגְט אוּנ טְרַאכְט,
טָאג, אַזוֹי נַאכְט,
רַייבְּט אוּנ רוּנְצֶעלְט דֶעם שְׁטֶערֶען:
„גֶעוואַלְד, לֵילִית קְרוֹין,
עֶר וֶועט דָאךְ אוּנְז שׁוֹין
חָלִילָה דִי וֶועלְט אִיבֶּערְקֶעהְרֶען!"

—דִי נוּס אִיז הַארְט,
נָאר, מַיין-מַאן, וַוארְט
זִי קְנַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער דִי צֵיין,
דֶער זִיעג וֶועט זַיין זִיעֶם,
גְרֵייט אָן דִי שְׁפִּיעז,
דֶער בְּרַאטֶען וֶועט קוּמֶען אַלֵיין!

---

אָ, גָאטְט, הָאבּ רַחֲמָנוּת,
זִיי זוּכֶען אַ נְקָמָה!
הַאלְט, יוּדֶען, תָּעֲנִית
פַאר דֶער נְשָׁמָה!

עֶס שְׁווִינְדְלֶען דִי אוֹיגֶען,
עֶס וֶוערְט הֵיים אוּנ קַאלְט,
זִי הֶענְגְט אוֹיף אַ הָאר
אָט, אָט, אָט, זִי פַאלְט;

עֶס פַאלְט אַרָאבּ פוּן הִימֶעל
אַ לִיכְטִיגֶער שְׁטֶערֶען,
אִינְ'ם שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה
וֶועט אַשִׂמְחָה וֶוערֶען! —

---

— 5. —

טְרַא, רַא, רַא, טְרַאךְ!
וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן?
צוּ הָאט נִישְׁט עֶמִיצֶער
מָשִׁיחַ'ן גֶעזֶעהְן?

וֶוען בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר?
דָאךְ אֱלוּל, נִישְׁט תַּמוּז!
צוּ אִיז מְשׁוּגֶע
גֶעוָוארֶען דֶער שַׁמֶשׁ?

וֶוער פַייפְט אוּנ שְׁווִישְׁטְשֶׁעט
אוּנ דוּנֶערְט אוּנ קְנַאלְט?
צוּ פְּלַאטְצֶען סָאסְנֶעס
אוּנ דֶעמְבֶּעס אִין וַואלְד?

עֶס שְׁווִישְׁטְשֶׁעט, עֶס קְלִינְגְט
עֶס דוּנֶערְט אוּנ קְנַאקְט,
אַיין עֶקְסְטְרָא — פָּאסְט
קוּמְט אָן פוּן טְרַאקְט!

וֶוער הָאט אַזַא קְלִינְגֶען
אַזַא הוֹיכֶע גֶעהֶערְט?
וֶוער הָאט אַזוֹי גֶעזֶעהְן
פְלִיהֶען פִיער פֶערְד? —

עֶס קְלִינְגֶען דִי גְלָאקְלִיךְ
אַלֶע מָאהְל פְרַייעֶר,
עֶס שְׁפְּרִיטְצֶען דִיא פָּאדְקָאווֶעס
פוּנְקֶען אוּנ פַייעֶר!

עֶס קְנַאלְט, וְוִי אַ דוּנֶער
אַלֶע מָאל דִי בַּייטְשׁ,
עֶס שְׁטֶעהְט דֶער עוֹלָם
אוּנ פְרֶעגְט: וָואס טַייטְשׁ ?

---

צוּ זֶעהְן דָאס וְוּנְדֶער
זֶענֶען אַרוֹים —
קְרַאנְקֶע פוּן בֶּעטֶען,
לוֹמְדִים פוּן קְלוֹיז,

קִינְדֶער פוּן חֵדֶר ;
דָארְט לוֹיפְט אִין מִיט
אֵיינֶער אָהְן הוֹיזֶען
פוּן אוּנְטֶער דֶער רִיט ;

אוּנ דָא לוֹיפְט אַ שׁוֹחֵט,
בְּלֵייךְ, וְוִי דִי וַואנְד,
מִיט אַ הַאלְב גֶעקוֹילֶערְטֶע
הוֹהְן אִין דֶער הַאנְד ;

עֶר הָאט אִין מִיטֶען
דָאס פַייפֶען דֶערְהֶערְט
אוּנ הָאט דֶעם חַלֶף
גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דְ-ר-עֶרְד !

דָארְט לוֹיפְט אַ טוֹיבֶע
אוּנ בְּרֶעכְט זִיךְ דִיא הֶענְד :
„שְׁרַייט, יוּדֶען, הֶעבֶער,
זָאגְט מִיר, וְואוּ בְּרֶענְדְט ?"

זֶעהְן דִיא עֶקְסְטְרַא-פָּאסְט
(מִיט רֶעשְׁפֶּעקְט גֶעמֶעלְדְט)
הָאט זִיךְ מִיט אַיין אָפֶּען מוֹיל
דֶער רָב אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

---

— 6. —

מִיט דֶער פָּאסְט אִיז גֶעקוּמֶען
פוּן דַאנְצִיג אַ הֶערְר :
אַ דַייטְשׁ — אַ סוֹחֵר,
אַ מִילְיָאנֶער.

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען —
אוֹיף-קוֹיפֶען תְּבוּאָה :
אוּנ אַלְץ, וָואס עֶר זֶעהְט נָאר,
אִיז אַ מְצִיאָה !

אַלְץ שִׁיקְט עֶר קַיין דַאנְצִיג
אָהְן אַ שִׁעוּר, אָהְן אַ-נ-עֶק,
וָואס עֶר זֶעהְט מִיט דִי אוֹיגֶען,
דָאס שִׁיקְט עֶר אַוֶועק.

אוּנ אַלְץ וֶוערְדְט מִיט גָאלְדֶענֶע
רֶענְדְלִיךְ גֶעווָאגֶען —
ס'וֶוערְט פְרֵייליךְ אִין הַארְץ,
אַ לִיכְט אִין דִי אוֹיגֶען.

גָאטְט הָאט דָאס שְׁטֶאדְטִיל
גָאר פְּלוּצְלִים בֶּעגְלִיקְט :
עֶר הָאט זֵיי פוּן הִימֶעל
אַ מְחָיָה גֶעשִׁיקְט.

עֶס הֵייבֶּען — אָן הַאנְדְלֶען
שׁוֹחֲטִים, דַיָּנִים,
מְלַמְדִים אוּנ קְלוֹיזְנִיקִים,
שַׁמָּשִׁים, בַּטְלָנִים.

יֶעדֶער קְרִיעגְט פָּארְשׁוּס,
אַבִּי קוֹיף אוּנ שְׁטֶעל —
אוּנ דוּ וֶוערְסְט בֶּעצָאהְלְט
בַּאלְד אוֹיף דֶער שְׁטֶעל !